# לודמיר

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אן אייביגע קשר צום צדיק

הכנסת אורחים לודמיר

פרשיות
פינחס
תשפ"ה
גליון 13


## דער קארלינער פלאם

די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

נאך א מעשה נורא וואס עס פלעגט דערציילן דער צדיק הרה"ק רבי ירחמיאל משה מקאזניץ זי"ע איבער די כח הקדושה וואס רביה"ק זי"ע האט געהאט און ווי אזוי די חיצונים האבן מורא געהאט פון אים און זיך נישט געוואגט צוקומען נעבן אים און אז ווען זיי האבן געהערט דער נאמען פון רביה"ק זענען זיי אנטלאפן פון אים און זיך דערשראקן פון אים.
ומעשה שהיה אז איינמאל האט זיך געמאכט אז א איד איז ליידער פארכאפט געווארן צו די חיצונים ר"ל.
די חבורה פון די חיצונים האט גענומען דער איד צו א צווייטע גרופע פון חיצונים. אנקומענדיג אהין האט די צווייטע גרופע פון חיצונים אנגעהויבן שרייען אויף די ערשטע.
"לאזט אים אפ, באפרייט אים שוין".
די גרופע האט זיי געגעבן צו פארשטיין:
"איר ווייסט מיטוועמען איר הייבט זיך אן - דער איד איז פון די חבורה פון הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע - איר ווילט זיך נישט פארטשעפענען מיט אים".
ווי נאר זיי האבן עס געהערט האבן זיי גלייך באפרייט דעם מענטש נישט וועלענדיג האבן קיין שייכות מיט זיי.
שפעטער נאך דעם וואס זיי האבן אים ארויסגעגעבן האט מען געפרעגט דעם יונגערמאן איבער זיין קשר צו דעם צדיק און ווי שטארק ער איז געווען געבינדן צו רביה"ק זי"ע.
"איך בין נאר איינמאל געווען ביי אים, איך האב אים געגעבן שלום, דאס איז מיין גאנצער שייכות מיט אים".
דער איד האט נישט געהאט קיין עקסטערע שייכות מיט'ן רבין אבער אויך די ביסל קשר איז געווען גענוג אז די חיצונים זאלן זיך דערשרעקן פון אים און אים ארויסלאזן פון זייערע נעגל.
אויף אזוי ווייט איז געווען די פחד פון די חיצונים פון רביה"ק זי"ע אז דער בלויזער דערמאנען זיין נאמען האט זיי געברענגט צו טרייסלונג.
מיר האבן ארומגערעדט איבער די כח פון רביה"ק זי"ע קעגן די חיצונים אבער יעצט לאמיר צוריקגיין צו די עצם שילדערונג פון די רבנות ווי אזוי רביה"ק האט נאך לאנגע און שווערע הפצרות מסכים געווען אנצונעמען די כתר מלכות און ווערן א רבי ביים כלל ישראל.
מיר זענען שטיין געבליבן דערציילנדיג אז דער הייליגער זלאטשובער מגיד זי"ע האט אים געצווינגען אנצונעמען די הנהגה אבער ווי עס דערציילט אין זיינע כתבים דער בארימטער חסיד רבי מאיר בערנשטיין הי"ד בשם רבי מענדל קאסטראמאצקי זצ"ל האט דער רבי אמאל דערציילט פאר א גביר ביי וועמען ער האט געבעטן אז ער זאל אים תורם זיין א שיינע סומע געלט אז אויך נאך דעם וואס דער מגיד האט ארויפגעצווינגען אויף אים אנצונעמען די הנהגה האט ער נאך אלץ מסרב געווען אנצונעמען די הנהגה.
דערביי האט דער רבי דערציילט אז נישט נאר אויף דעם עולם האט מען אים געבעטן ער זאל אננעמען די הנהגה, אויך מלאך מיכאל האט זיך געבעטן ביי אים ער זאל אננעמען די הנהגה.
ביי יענער שמועס האט דער רבי דערמאנט נאך א נאמען פון א מלאך וואס האט זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל אננעמען די הנהגה אבער דאך האט ער מסרב געווען.
אויך דער הייליגער בעשטה"ק האט זיך געבעטן ביי אים ער זאל אננעמען די הנהגה.
דער רבי האט דערציילט אז ער האט געזאגט פאר'ן בעשטה"ק זי"ע אז ער האט אים געזאגט אז וואס דו הייסט וועל איך זיכער פאלגן און איך בין מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין אויף דעם, אבער וואס איר בעט פון מיר, איז עפעס וואס איך קען נישט טון.
די בקשות און די הפצרות האבן זיך נישט אויפגעהערט דא, אויך דער הייליגער אר"י הק' האט זיך מגלה געווען צו אים מיט די זעלבע בקשה אבער אויך אים האט דער רבי אפגעזאגט מיט די זעלבע ווערטער זאגנדיג אז בעצם מוז ער אים פאלגן אבער ער קען נישט.
דער מכה בפטיש אז דער רבי זאל אננעמען די הנהגה איז געווען אז השית אליין האט זיך מגלה געווען צו אים און אים געבעטן.
בעזר ה' די קומענדיגע וואך בס"ד וועלן מיר ממשיך זיין מיט די שילדערונג.

## צידה לדרך

קורצע אמרות פון רביה"ק זי"ע / די עיקר תשובה איז טהרת המחשבה

מען זאגט נאך בשם הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע אז די עיקר תשובה פון א איד איז די מחשבה, מטהר צו זיין די מחשבה מכל עניני איסור און גשמיות און מקשר זיין די מחשבה נאר מיט גוטס און אז דורך דעם וועט אלעס ווערן מתוקן, ווייל די מחשבה פון א מענטש איז מושל אויפ'ן מענטש סיי בעשיה און סיי בדיבור און אז מען וועט איר מתקן זיין וועט אויך ווערן מתוקן די עשיה און די דיבור וואס ער האט פוגם געווען אין איר.

[בית אהרן]

## אפענע ישועות ביים ציון הק'

געהאלפן געווארן בזרע של קיימא בזכות רביה"ק

**עס דערציילט הרב ש' פון די שטאט ביתר:**
איך האב ברוך ה' זוכה געווען צו א קינד, אבער די משפחה איז געווען קליין, איך האב געשטרעבט צו האבן א גרעסערע משפחה מיט מער קינדער.
איך האב אסאך מתפלל געווען פארדעם אבער די ישועה האט זיך געזוימט. פאראיאר האב איך באשלאסן אז איך גיי פארן צום ציון פון רביה"ק קיין לודמיר און דארט איינרייסן וועלטן אז בזכות רביה"ק זאל מען פועלן א ישועה. איך האב זיך געשטארקט מיט אמונת צדיקים חזרנ'דיג דאס ווארט אז דער בעל התניא זי"ע האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן אז זיין כח איז אזוי גרויס, אז אויך אויב ער וועט זאגן אז א שטיין זאל האבן קינדער - וועט זי האבן קינדער.






צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון פון קודש הקדשים רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: 518.592.0087

על הציון של הקדוש הזה, הוא ממש כמו שעומדים לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

## געשפעטיגט מיט די צייט אבער אויסגעפירט די שליחות

שנעל און געיאגט האט מען געלאזט רופן משה דער שליח צום שול פון רביה"ק.

"דער רבי רופט". האט דער גבאי געלאזט וויסן.

משה, א געטרייער חסיד איז געקומען צולויפן זוכנדיג צו ערפולן די שליחות פון רביה"ק.

"איך האב פאר דיר א וויכטיגע שליחות". האט דער רבי געזאגט.

"איך האב דא א בריוו, די בריוו דארף אנקומען צו די שטאט ראטנע, דארט זאלסטו עס איבערגעבן פאר איינער פון מיינע מענטשן".

דערביי האט דער רבי אנגעגעבן דער נאמען פון דעם חסיד צו וועמען דער בריוו דארף אנקומען.

דער שליח האט זיך שוין געוואלט ארויסלאזן אויפ'ן וועג אבער דער רבי האט אים צוריקגערופן.

"דאס בריוו דארף זיין ביי אים ביז זיבן אזייגער ביינאכט, נישט שפעטער".

משה האט געמאכט א חשבון אז ביז דאן איז נאך דא גענוג און נאך צייט צוקענען אויספירן די שליחות.

די וועג פון לודמיר קיין ראטנע איז א קליינער און לויט אלע חשבונות פון משה האט ער גענוג און נאך צייט אנצוקומען ביז קיין ראטנע אין צייט און עס וועט אים נאך בלייבן עטליכע שעה ליידיג.

א מידער איז משה געווען. האלטנדיג נאך עטליכע שעה'ן פון ארבעט האט ער באשלאסן אז איידער ער לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג וועט ער כאפן א קליינע דרימל און נאך דעם וועט ער זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג.

ערשעפט און מיד האט זיך משה געלייגט שלאפן אבער ווען ער האט זיך אויפגעוועקט און געקוקט אויפ'ן זייגער איז אים באפאלן א שרעק.

די צייט איז געווען ענג, ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, אבער ער האט געשפעטיגט.

אנקומענדיג קיין ראטנע האט ער געזען ווי דאס הויז צו וואו רביה"ק זי"ע האט אים געשיקט איז ארויף אין פלאמען.

נאכ'ן איבערגעבן דאס בריוו האט ער זיך דערוואוסט פון דעם אינהאלט, אין איר איז געשטאנען אז דער רבי בעט פון דעם אז ער זאל אים זאפארט שיקן 100 גאלדענע רענדלעך.

"פון וואו וועל איך זיי נעמען?". האט דער איד געקרעכצעטעט שטיינדיג פארענט פון זיין נארוואס אפגעברענטע הויז.

אבער ווי א חסיד, ביי וועמען די ווערטער פון דעם רבי'ן איז טייער, האט ער זיך געשטארקט און אנגעהויבן צוזאמענצוקראצן דאס געלט און עס אפגעשיקט פאר'ן רבי'ן.

מיט דאס געלט אין די האנט האט זיך ר' משה צוריקגעקערט קיין לודמיר



א פייער ברעכט אויס אין א הויז

אבער זיין הארץ איז געווען פול מיט חרטה.

אין זיין קאפ האט ער געזען פאר זיך א קלארע חשבון, דער רבי האט געשיקט דאס געלט צו דעם איד בעטן פדיון געלט זעענדיג אז עס שוועבט אויף אים א גרויסע גזירה, מיט דאס געלט האט ער אים געוואלט אויסלייזן פון די גזירה.

ווען ער שפעטיגט נישט - וואלט דער איד ניצול געווארן פון די שאדן.

א לענגערע צייט האט זיך דער איד ארומגעדרייט מיט הארץ עסענישן.

זוכנדיג ווי אזוי רייניצוואשן פון זיך די שולד געפילן - האט ער אריינגעשיקט א שליח צום רבי'ן ער זאל אנפרעגן די שאלה דערציילנדיג אז ער האט געשפעטיגט און יעצט שפירט ער אז ווען ער פעדערט זיך - וואלט ער געקענט פארמיידן אז די פייער זאל נישט באטרעפן דעם איד.

"וויסן זאלסטו". האט דער רבי געענטפערט.

"אויף דעם איד האט געהויערט א שווערע גזירה, די פייער האט אראפגענומען א טייל פון איר, אבער עס איז נישט געווען גענוג. אויך נאך דעם איז געבליבן אויף אים א קטרוג. אין הימל האט מען געוואלט אנגיין מיט דעם אבער איך האב גע'פועל'ט אין הימל אז מען זאל עס ממתיק זיין מיט דאס געלט".

דער רבי האט צוגעלייגט אז דורך די פדיון געלט האט זיך דער איד אויסגעלייזט פון די צרה.

ערמוטיגט צו הערן די ווערטער פון דעם רבי'ן זי"ע האט זיך דער שליח בארואיגט און איינגעזען אז אויך פונדערוויטענס האט זיך דער רבי געזארגט פאר זיינער א חסיד אראפצונעמען פון אים א חרון אף וואס האט געהויערט אויף אים א לאנגער צייט.



## התרגשות דקדושה אין לודמיר לקראת די היי יעריגע הילולא וועלכע פאלט היי יאר ערש"ק פרשת פנחס

**מאסן צוזמענפאר פוקד צו זיין דעם ציון הק' – רייע פון מערערע חידושים ביים ציון הק' די יאר באצויבערט דעם ציבור – פריש ערשינענער איבערגעדרוקטע ספר הק' 'שמע שלמה' צוכאפט ביי טויזנטער אידן – ימ'ען ונהרות פון ישועות ווערן נשפע היי יאר אין לודמיר**

הונדערטע אידן מכל קצוי תבל גרייטן זיך די טעג מיטצוהאלטן דער געהויבענער און לעכטיגע ימי ההילולא אין די שטאט לודמיר, ביים ציון המצוינת פון רביה"ק רבינו שלמה בן יוטא זי"ע, איבערוועמען צדיקים האבן מעיד געווען אז ביי זיין ציון הק' האט מען די געפיל אז מען שטייט דארט ווי בחיים חיותו.

נאך דעם וואס יארן פריער האט מען זוכה געווען צושפירן א זעלטענע התעוררות דקדושה אויפ'ן מקום און אידן זענען געהאלפן געווארן מיט אפענע ישועות און אויך געהאט א התעלות בקדושה מכוחו של אותו זקן איז מען ממשיך צוקומען אויפ'ן ארט עולה צו זיין מעלה מעלה.

פון יאר צו יאר ווערט אויך נסתוסף חידושים רבים ביי דער הייליגער ארט אז די אידן וואס קומען זאלן קענען שופך שיח זיין תפלתם בציון רביה"ק זי"ע מיט ישוב הדעת און קענען פועל'ן אלעס גוטס.

די יאר איז דא א רייע פון חידושים, צווישן זיי איז איינס פון די חידושים, דער אריינגיין אין שוואונג פון א קביעות'דיגער הכשר אויפ'ן מקום פון די בארימטע 'מחזיקי הדת' הכשר פון די שטאט אנטווערפן.

אזוי אויך האט מען צוגעלייגט די יאר אן אוהל פאר די באקוועמליכקייט פון דעם ציבור און עס איז אויך געעפענט געווארן א וועג פון דער 'בית רבינו' צו דער ציון הק'.



עעפענט געווארן א וועג פון דער 'בית רבינו' צו דער ציון הק'.

די גולת הכותרות פון די היי יעריגע חידושים איז די פריש ערשינענע ספר 'שמע שלמה' וועלכע איז איבערגעדרוקט געווארן אז דער ציבור זאל זיך קענען דערקוויקן מיט די תורה פון רביה"ק זי"ע

כלל ישראל קוקט ארויס געהאלפן צו ווערן בכל מילי דמיטיב און ועל כולם אז מען זאל פועל'ן די גאולה השלימה במהרה בימינו און אז די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה.